# דער פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

שופטים

מכון
באר האמונה

**יו"ל ע"י**

**מכון 'באר האמונה'**

מכון
באר
האמונה

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון
וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות
אין הארות מעלדט אייך צו:

אימייל: Mail@derparshakval.com

טלפון: 1347-871-8285

**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**

©

**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

## פרשת שופטים

ולא תחקור אחר העתידות - קיינמאָל זיך נישט זאָרגן........................................א

לבלתי רום לבבו מאחיו - זיך האַלטן קליין אַ סגולה אויף אריכות ימים..............................ג

ילך וישוב לביתו - נזהר זיין נישט צו דינען דעם אויבערשטן אויף יענעמ'ס חשבון..............................ו

למלחמה על אויביכם - מלחמה האַלטן מיטן יצר הרע אָן קיין מורא..............................ז

אני לדודי ודודי לי - די נאָנטקייט די טעג צווישן אבינו שבשמים און אידישע קינדער.....................ט

ימי הרחמים - נישט מסיח דעת זיין פון די גרויסקייט פונעם זמן..................................יא

# שופטים

**ולא תחקור אחר העתידות - קיינמאָל זיך נישט זאָרגן**

**תמים תהיה עם ה' אלקיך** (יח, יג). זאָגט רש"י, "התהלך עמו בתמימות ותצפה לו, ולא תחקור אחר העתידות, אלא כל מה שיבא עליך קבל בתמימות, ואז תהיה עמו ולחלקו". דו זאָלסט זיך אומגיין מיט'ן אויבערשטען מיט תמימות און האָפען צו איהם, און דו זאָלסט נישט אַריינטראַכטן וואָס עס וועט זיין אין דער צוקונפט[א], נאָר אַלעס וואָס וועט קומען אויף דיר זאָלסטו

---

**א.** מיר האָבן געהערט פון אַ נאָנטן צום בעל העובדא, וועגן אַ גרויסע ישועה וואָס האָט פּאַסירט מיט זיין ידיד, אַ מטופל מיט קינדער בלע"ה, עטליכע וואָכן צוריק, פרשת ואתחנן-נחמו תש"פ. כדי מקיים צו זיין דעם חיוב פון "השתדלות" פאַר פרנסה, באַשעפטיגט ער זיך מיט "טוריזם" (צוזושטעלן אַלע באקוועמליכקייטן פאַר מענטשן וואס פאהרן אויף רייזעס קיין אויסלאַנד, פאַר וואַקאַציעס, א.ד.ג.). **אין די לעצטע חדשים** (צוליב די געזונטהייט און עקאָנאָמישע קריזיסן אַרום דעם "קאָראָנאַ" ווירוס רח"ל), זענען דאָך נישט פאַראַן קיין "שיירות מצויות", מענטשן פאָהרן נישט און קומען נישט פון אויסלאַנד און קיין אויסלאַנד, פלאָגט ער זיך אויפ'ן טאָג-טעגליכן לעבן, צו קענען שטעלן פאַר זיין געבענטשטע משפחה בלע"ה, זייער ברויט אויפ'ן טיש. יעדעס שטיקל ברויט, איז אַ גאַנצע מציאה פאַר איהם.

ווען עס איז געקומען דער טאָג צו באַצאָהלן דירה-געלט פאַר חודש אב, פאַר די דירה וואו ער און זיין פאַמיליע וואוינען, האָט ער פּרובירט באַרואיגן דעם בעל הבית, דעם אייגנטימער פון די דירה, אַז נאָך תשעה באב וועט ער באַצאָהלן דעם חוב פונעם דירה-געלט.

אַ טאָג נאָך תשעה באב, פרייטאָג פ' ואתחנן העעל"ט, האָט איהם נאָך אויסגעפעהלט 500 דאָלאַר פאַר'ן דירה געלט, אָבער ער האָט זיך געשטאַרקט מיט אמונה און בטחון אַז דער אויבערשטער וועט איהם העלפן. ער איז אַרויסגעגאַנגען אין הויף און זיך געדרייט אַרויף און אַראָפּ. ער האָט זיך אויסגעגאָסן דאָס הארץ פאַר'ן באַשעפער, זאָגנדיג: "איך דאַרף האָבן נאָך פינף הונדערט דאָלאַר פאַר שכירות געלט... איך בעט דיך, באַשעפער, שיק מיר צו דאָס געלט"...

אַ קורצע ווייַלע שפּעטער, האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים, און געטראַכט ביי זיך, אפשר ליגט מיין ישועה שוין יעצט, אין דעם פּאָסט קעסטל... ער האָט געעפענט דאָס קעסטל, און דאָרט געטראָפן אַ קאָנווערט אין וועלכן עס זענען געלעגן גענוי פינף הונדערט דאָלאַר... עס איז געווען בייגעלייגט דערצו אַ צעטל, "לכבוד... הי"ו, איך האָב זיך דערמאַנט אַז איך בין דיר שולדיג פינף הונדערט דאָלאַר פון יאָהר תשס"ט... אַ גוטן ערב שבת"...

דער יונגערמאַן איז געבליבן שטיין געפּלעפט, זעהענדיג קלאָהר דעם אויבערשטען'ס האַנט, און עס האָט איהם געדויערט עטליכע מינוט צייט, זיך צו דערמאַנען וועגן יענעם חוב, וואָס עס זענען שוין אַדורכגעגאַנגען עלף יאָהר פון דעמאָלטס, און דער לוה האָט זיך ערשט יעצט דערמאַנט, ממש אין דער מינוט ווען ער נויטיגט זיך אַזוי לעבנס-וויכטיג אינעם געלט... ער האָט געשפּיהרט די פאַרווירקליכונג פונעם פסוק וואָס מ'האָט געלייענט יענעם שבת, אין פרשת ואתחנן: "כי מי גוי גדול אשר לו אלקים קרובים אליו, כה' אלקיו בכל קראינו אליו"!

פון דעם לערנען מיר, ווי "הרבה דרכים למקום". פאַר דעם אויבערשטען, פעהלן נישט קיין "עצות", ווי אַזוי אונז צו העלפן ווען מיר דאַרפן אָהנקומען צו זיין הילף. ער זאָרגט זיך פאַר אונז שטענדיג, אויב מ'האָפט צום באַשעפער מיט די אמת'ע אמונה און בטחון, קען מען פועל'ן אַלעס וואָס מ'דאַרף האָבן, ברוחניות ובגשמיות.

אַזוי האָט געזאָגט הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע, "מי שחי באמונה ולבו בטוח באלקיו, אז הקדוש ברוך הוא מושיעו באופן שלא יעלה על הדעת". דער מענטש וואָס לעבט מיט אמונה און ער פאַרלאָזט זיך אויף זיין באַשעפער, העלפט איהם דער אויבערשטער אויף אַן אופן וואָס עס קען גאָהרנישט איינפאַלן פאַר'ן מענטש אַז פון דאָרט וועט קומען זיין ישועה.

עס ווערט געברענגט אין ספר "נתיבות שלום" (שמות, ע' ש"י) אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט מיט איינע פון די תלמידים פון הייליגן קאָברינער זי"ע, הרה"צ רבי שמואל טשעלונער זצ"ל, אַז ער איז אַמאָהל געהאָלפן געוואָרן אין אַ געוויסן ענין, און האָט שפּעטער דערציילט פאַר זיין משפחה און נאָענטע פריינט, וועגן דעם חסד וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט איהם.

אָהנעמען מיט תמימות, און דאַן וועסטו זיי מיט דעם אויבערשטען, און צו זיין חלק[ב].

**דאָס** קומט אונז צו לערנען אַ לימוד אין לעבן, אַז דער וועג אויף וועלכן אַ איד דאַרף גיין, איז אמונה פשוטה, אָהן שום חקירות ודרישות, ווי די חז"ל זאָגן (מכות כד.) אַז חבקוק האָט געשטעלט די גאַנצע תורה אויף איין זאַך - אמונה, ווי ער האָט געזאָגט (חבקוק ב, ד): "וצדיק באמונתו יחיה". אַ צדיק לעבט מיט זיין אמונה. און וועגן דעם זאָגט רש"י צוויי מאָהל דאָס וואָרט "תמימות" ("התהלך עמו בתמימות", און "כל מה שיבא עליך קבל בתמימות") אונז צו לערנען, אַז תמימות איז די הויפט עבודה פון אַ איד אויף דער וועלט[ג].

**אויף** דעם פסוק "תמים תהיה עם ה' אלקיך", זאָגט דער "דברי ישראל" (פ' ויקרא, ג, ט), רש"י זאָגט דאָך דאָ אַז דער מענטש טאָהר נישט זאָרגן און אַריינטראַכטן אין דעם וואָס עס וועט זיין אין דער צוקונפט, און דאָס וואָס די חז"ל זאָגן (סוטה מב:) "דאגה בלב איש ישיחנה", אַז מ'דאַרף זיך אויסשמועסן פון האַרצן פאַר אַ צווייטן איבער די דאגה, קען מען אויך טייטשן דאָס וואָרט "ישיחנה" פון לשון היסח הדעת (מ'זאָל מסיח דעת זיין) פון די דאגה, נאָר מ'זאָל טראַכטן אַז "ברוך ה' יום יום".

**דער** "דברי ישראל" זאָגט ווייטער, אַז עס איז אַ משל צו אַ קליין קינד וואָס זיין פאָטער און מוטער שפּייזן איהם. אַזאַ קינד, זאָרגט קיינמאָהל נישט וועגן דעם מאָרגנדיגן טאָג, ווייל ער פאַרלאָזט זיך אויף זיין פאָטער אַז ער וועט איהם צושטעלן מיט זיין רחמנות דעם נויטיגן מאָהלצייט, און פונקט ווי ער שפּייזט איהם היינט, וועט ער איהם אַוודאי געבן צו עסן אויך מאָרגן. איז דאָך אַוודאי געווים אונזער גרויסער פאָטער אין הימל, "אבינו אב הרחמן", וואָס ער איז "זן ומפרנס את כל העולם כולו בטובו", דאַרף דער מענטש אַוודאי זיין אין זיינע אויגן ווי אַ קליין קינד פאַר איהם, ווי דוד המלך ע"ה זאָגט (תהלים קלא, ב) "אם לא שויתי ודוממתי נפשי כגמול עלי אמו" וגו', און לויט וויפיל ער האָפט צו דעם אויבערשטען, און קלערט נישט אַריין פון וואו די ישועה וועט קומען, אַזוי טוט דער אויבערשטער איהם טאַקע שפּייזן.

**דער** מענטש דאַרף פאַרשטיין אַז עס איז איבעריג פאַר איהם צו זאָרגן וועגן מאָרגן, ווייל ער איז דאָך ממילא אין די הענט פון דעם אויבערשטען. דאַן וועט ער פאַרשטיין אַז אַלע זיינע 'פילע דאגות' זענען ממש איבעריג, און דעריבער קען ער, און וועט ער זיין בשמחה, און אמונה צוזאַמען מיט שמחה, וועלן משפיע זיין אויף איהם אַ גרויסע שפע[ד].

---

אַזוי האָט ער געטוהן מערערע מאָהל. ער האָט כסדר איבערדערציילט פאַר זיין משפחה וועגן דעם חסד וואָס דער אויבערשטער האָט מיט איהם געטוהן, אויף אַזוי ווייט, אַז זיי זענען שוין מיעד געוואָרן צו הערן זיין דערציילונג... ווען איינער פון די קינדער האָט געפרעגט, פאַרוואָס ער דערציילט עס אַזוי פיהל מאָהל, האָט רבי שמואל געענטפערט מיט די ווערטער פון "אור החיים" הקדוש (דברים ז, יז) "ותחילת תחבולות יצר האדם הוא להשכיחו דבר זה", דער אָנהייב פון די תחבולות פונעם יצר הרע, איז צו מאַכן דעם מענטש פאַרגעסן פון די חסדים וואָס דער אויבערשטער טוט מיט איהם.

**ב.** דער קאָצקער רבי זצ"ל האָט געזאָגט (מובא בס' "שיח שרפי קודש", פ' שופטים) אַ טעם פאַרוואָס דער אות תי"ו אין וואָרט "תמים" איז גרויס, כדי מרמז צו זיין אַז עס איז דאָ אין איר (אין "תמימות") גענוג אָרט פאַר יעדן איינעם אַריינצוקומען, און יעדער איינער וואָס וויל אַריינקומען אין כלל פון "תמימים", קען אַריינקומען דאָרט (אויסער אַ בעל גאוה, וואָס האַלט זיך "גרעסער" פון די תי"ו), און עס איז נישט גענוג "אַריינצוקוקן", נאָר ער זאָל אַריינגיין מיט אַלע זיינע רמ"ח איברים און שס"ה גידין אין דעם אויבערשטענ'ס געצעלט פון אמונה, צו גלייבן אַז אַלעס ווערט געטוהן מיט השגחה פרטית פון דעם באַשעפער ב"ה.

דער "בעל הטורים" זאָגט, אַז דאָס וואָרט "תמים" האָט אַ גרויסע תי"ו, צו לערנען דעם מענטש, אַז אויב ער פיהרט זיך מיט תמימות, ווערט איהם גערעכנט ווי ער האָט מקיים געווען די גאַנצע תורה "פון אל"ף ביז תי"ו".

**ג.** דער סקווערער רבי, הרה"ק רבי יעקב יוסף זצ"ל, האָט געזאָגט, אַז רש"י טוט געוועונדליך רעדן בקיצור, און דאָ רעדט רש"י באריכות, מיט אַ לענגערע שפּראַך, אונז צו לערנען ווי וויכטיג עס איז צו האָבן תמימות.

**ד.** דער גערער רבי, הרה"ק בעל "אמרי אמת" זי"ע, האָט געזאָגט (עי' "אמרי אמת" לשבת שובה) וועגן די גרויסקייט פון די מדה פון שמחה, ווייל עס איז דאָך באַקאַנט וואָס דער זוהר הקדוש זאָגט (ח"ג ריט:) אויף דעם פסוק (תהלים

**לבלתי רום לבבו מאחיו - זיך האַלטן קליין אַ סגולה אויף אריכות ימים**

**לבלתי** רום לבבו מאחיו ולבלתי סור מן המצוה ימין ושמאל, למען יאריך ימים על ממלכתו הוא ובניו בקרב ישראל (יז, ב). די תורה זאָגט-אָהן פאַר דעם קעניג, ער זאָל זיך נישט האַלטן גרויס איבער זיינע ברידער (די אידן) און ער זאָל זיך נישט אָפּקערן פון מקיים זיין די מצוות, צו רעכטס אָדער צו לינקס, כדי ער זאָל לאַנג לעבן אויף זיין קעניגרייך, ער און זיינע קינדער, צווישן די אידן.

**שרייבט** אויף דעם דער רמב"ן ז"ל, אַז די תורה האָט דאָ געוואָלט מרמז זיין דעם איסור פון גיאות - זיך גרויסהאַלטן. דער פסוק זוכט צוריקצוהאַלטן דעם קעניג פון זיך גרויסהאַלטן, און אַוודאי אַנדערע מענטשן וואָס זענען נישט ראוי דערצו (זיי האָבן אַפילו נישט מיט וואָס צו שטאָלצירן). נאָר וויבאַלד דער קעניג קען דאָך אַמאָהל טראַכטן ביי זיך אַז ער איז "גרויס", אויף דעם האָט די תורה אָנגעוואָרענט דעם קעניג, "להיות לבבו שפל ככל אחיו הקטנים ממנו" - ער זאָל זיך האַלטן נידעריג אין זיין האַרץ, אַזוי ווי אַלע זיינע ברידער וואָס זענען קלענער פון איהם. ווייל זיך גרויס האַלטן, איז אַ מיאוס'ע מידה ביי די צדיקים, אַפילו ביי אַ קעניג. "כי לה' לבדו הגדולה והרוממות", ווייל נאָר צו דעם אויבערשטען אַליין איז די גרויסקייט און דערהויבנקייט. "ולו לבדו התהילה, ובו יתהלל האדם" און בלויז צו דעם אויבערשטן איז די לויב, און מיט'ן אויבערשטען דאַרף דער מענטש זיך לויבן", עכ"ל.

---

קמט, ב) "ישמח ישראל בעושיו", אַז דער פסוק זאָגט נישט "בעושו" - לשון יחיד, מיט זיין באַשעפער וואָס האָט איהם געמאַכט, נאָר לשון רבים: "בעושיו", כדי מרמז צו זיין אויף די עלטערן פון מענטש (וואָס האָבן איהם געבוירן) אַז אין די צייט פון אַ שמחה, טרייבט מען אַרויס די עלטערן פון גן עדן, אַז זיי זאָלן זיך קומען משתתף זיין אין די שמחה פון זייערע קינדער און אייניקלעך אויף דער וועלט.

זאָגט דער "אמרי אמת", אַז פון דעם קומט אויס, אַז ווען אַ איד טוט אַ מצוה בשמחה, און בכלל, ער איז שטענדיג בשמחה, שיקט מען אַראָפּ פון עולם העליון זיינע עלטערן, זיי זאָלן זיך קענען "משתתף זיין" אין זיין שמחה...

הרה"ק בעל "לב שמחה" זי"ע האָט אַמאָהל געזאָגט צו אַ יונגערמאַן, וואָס האָט זיך אָפּגערעדט פאַר איהם אַז ער פלאָגט זיך אויף פרנסה: "ווער זאָגט דען אַז דער תפקיד פון אַ יונגערמאַן איז צו ברענגען פרנסה?... דער תפקיד פון אַ יונגערמאַן איז אַריינצוברענגען שמחה אין שטוב... נאָר אַמאָהל קומט די שמחה אַריין אין שטוב, דורך דעם וואָס דער מאַן ברענגט פרנסה...". ("ראוים הדברים למי שאמרם", דער "לב שמחה" זי"ע האָט זיך טאַקע אַזוי געפיהרט אין פערזענליכן לעבן, וואָס טראָץ אַלע יסורים וואָס ער האָט מיטגעמאַכט אין לעבן, איז ער שטענדיג געווען בשמחה, און געהאַט פאַר יעדן איינעם אַ שמייכל).

אין די יעצטיגע טעג פון חודש אלול, איז טאַקע אַ "דבר בעתו" צו זיין בשמחה, ווי מיר האָבן שוין אַ סאַך מאָהל נאָכגעזאָגט, אַז אלו"ל ראשי תיבות ל'עבעדיג א'ון ו'וייטער ל'עבעדיג, ל'וסטיג א'ון ו'וידער ל'וסטיג...

מ'האָט אַמאָהל געפרעגט הגה"ח ר' יעקב קאָזשליק זצ"ל (פון די גרויסע חסידים ביי הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע), וואָס עס איז די פליכט וואָס ליגט אויף די פלייצעס פון אַ איד אין חודש אלול. האָט ר' יעקב געענטפערט:

- מיר דאַרפן זיין בשמחה, אַז מ'האָט "געכאַפּט דעם גנב"... (דעם יצר הרע).

דאַרפן מיר זיך אַראָפּלערנען דערפון, אַז אויך אויב מיר האָבן נאָך נישט באַוויזן אינגאַנצן צו "כאַפּן דעם גנב", און באַזיגן דעם יצר הרע מיט זיינע איינרעדענישן, אָבער מיט שמחה, קען מען איהם בייקומען.

אַזוי טייטשט דער "ייטב לב" זי"ע (פ' שמות, ד"ה "ויקם מלך חדש") דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (כ, ב-ד) "והיה כקרבכם אל המלחמה וניגש הכהן ודיבר אל העם וגו', כי ה' אלקיכם ההולך עמכם להלחם לכם עם אויביכם להושיע אתכם". די חז"ל זאָגן (ב"ר פמ"ב, ג) "והיה, לשון שמחה", איבעראַל וואו דער פסוק זאָגט "והיה", איז עס אַ לשון פון שמחה. זאָגט-אָהן די תורה, "והיה כקרבכם אל המלחמה" - ווען מ'גייט אַרויס אין מלחמה קעגן די שונאים, דאַרף מען זיין בשמחה, ווייל נאָר אַזוי קען מען זוכה זיין אַז "כי ה' אלקיכם ההולך עמכם להושיע אתכם", ווייל דער מענטש וואָס איז טרויעריג, קען נישט זוכה זיין צו השראת השכינה, ווי די גמרא זאָגט (שבת ל:) "אין השכינה שורה לא מתוך עצבות... אלא מתוך דבר שמחה של מצוה". קומט אויס, אַז כדי עס זאָל מקוים ווערן "כי ה' אלקיכם ההולך עמכם להלחם לכם להושיע אתכם", בגשמיות און ברוחניות, דאַרף מען זיין בשמחה.

**ה.** דער "שפת אמת" פרעגט (ליקוטים, פ' עקב) אויף די ווערטער פון רמב"ן אַז דאָ, אין פרשת שופטים, זאָגט אָהן די תורה דעם לאו פון גאות, לכאורה, עס דאָך שטייט שוין אין פרשת עקב (דברים ח, יא-יד) "השמר לך פן תשכח

זוי אַזוי דערגרייכט מען טאַקע די מדה פון ענוה (נישט נאָר דער קעניג, נאָר יעדער מענטש אויף זיין דרגא און מצב)?

**אויף** דעם גיט אונז דער רמב"ן ז"ל אַליין דעם תירוץ, אויף אַן אַנדערן אָרט, אין זיין בריוו ("אגרת הרמב"ן"), וואו ער שרייבט, אַז ווען דער מענטש וועט זיך מתבונן זיין ביי "אני מאמין", אַז דער באַשעפער ברוך הוא איז דער וואָס האָט באַשאַפן די וועלט און פיהרט אָהן אַלע באַשעפענישן, "והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים", און ער אַליין האָט געטוהן, און ער טוט, און ער וועט ווייטער טוהן אַלעם וואָס קומט פאָר אויף דער וועלט, און אַז דער מענטש אַליין האָט גאָהרנישט, ווייל אַלע זיינע קנינים זענען נאָר "פקדונות", וואָס דער אויבערשטער האָט "איינגעלייגט" ביי איהם אין דער האַנט. אויך זיינע גרויסע "מעלות" האָט דער מענטש נישט דערגרייכט מיט זיין אייגענעם כח, נאָר עס איז אַ מתנה פון הימל, דאַן וועט ער פאַרלירן דעם גאַנצן חשק זיך צו האַלטן גרויס, ווי דער רמב"ן שרייבט דאָרט:

**"ובמה** יתגאה לב האדם, אם בעושר, ה' מוריש ומעשיר", אויב וועט דער מענטש וועלן שטאָלצירן מיט זיין רייכטום, איז דאָך דער אויבערשטער דער וואָס מאַכט איינעם אָרים אָדער רייך. און אויב מיט כבוד, איז דאָך דער אויבערשטער דער בעל הבית פונעם כבוד, ווי דער פסוק זאָגט "והעושר והכבוד מלפניך", און ווי אַזוי קען אַ מענטש זיך באַריהמען מיט כבוד וואָס איז נישט זיינס, נאָר דעם באַשעפער'ס?

**"ואם** יתפאר בחכמה" - און אויב דער מענטש וועט זיך באַרימען מיט זיין קלוגשאַפט, זאָגט דאָך דער פסוק (איוב יב, כ) "מסיר שפה לנאמנים וטעם זקנים יקח", דער אויבערשטער נעמט אַוועק די חכמה פון די

---

את ה' אלקיך וגו' ורם לבבך ושכחת את ה' אלקיך", וואָס "פן" (און אויך אויך "השמר") איז אַ לא תעשה (עירובין צו.), קומט אויס דער "ורם לבבך" איז אַ לאו וואָס שטייט שוין פריהער, און פאַרוואָס האָט די תורה דאָ צוגעלייגט נאָך אַ לאו אויף גאוה, עיי"ש.

די ספרים ברענגען אַ משל, אַ גבאי אין אַ שוהל, האָט אַמאָהל געהערט ווי דער רב פון שטאָט זאָגט "וידוי", און קלאַפּט זיך אין האַרץ ביים זאָגן "אשמנו", "בגדנו", "גזלנו" און אַזוי ווייטער. האָט דער גבאי געטראַכט ביי זיך, אויב אַזוי, וועל איך אויפהערן מכבד זיין דעם רב מיט כיבודים אין שוהל...

דעם קומענדיגן שבת ביי קריאת התורה, האָט דער גבאי מכבד געווען מיט די מכובד'יגע עליה פון "שישי" (מיט וועלכע מ'איז געוויינליך מכבד דעם רב, אָדער ענדליכע אנשים מכובדים) איינעם פון די מתפללים אין שוהל. דער רב, וועלכער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער גבאי האָט איהם נישט אויפגערופן צו "שישי", האָט געוויזן פאַר'ן גבאי - שוין אינמיטן לייענען - אַז ער האָט נישט ריכטיג געטוהן... נאָכ'ן דאַווענען, האָט דער רב "באַפאַלן" דעם גבאי, פאַרוואָס ער האָט איהם אַזוי שטאַרק פאַרשעהמט, איהם נישט צו געבן די עליה פון "שישי". האָט דער גבאי זיך פאַרענטפערט פאַר'ן רב, "איך האָב דאָך אַליין געהערט ווי דער רב זאָגט "וידוי" אַז ער איז אַזאַ גרויסער בעל עבירה, "אשמנו" "בגדנו" א.א.וו... איז ווי אַזוי קען איך אויפרופן דעם רב צו "שישי", ווען איך האָב אַליין געהערט פון אייך וואָס פאַראַ "חוטא" איר זענט... האָט דער רב איהם אָהנגעשריגן, זאָגנדיג:

- דעם וידוי פון "אשמנו", און "בגדנו" און ווייטער, האָב איך דאָך געזאָגט כלפי דעם גרויסן באַשעפער, וואָס איז גרעסער פון מיר אָהן אַ סוף, "הקל הגדול, הגבור, והנורא, א-ל עליון"... אַנטקעגן דעם גרויסן באַשעפער, בין איך טאַקע אַ זינדיגע באַשעפעניש, אָבער קעגן יענעם איד וועמען דו האָסט אויפגערופן צו "שישי", בין איך דאָך אַ "צדיק" צעהנפאַכיג...

לויט דעם איז פאַרענטפערט די קשיא פונעם "שפת אמת", וואָס ער פרעגט פאַרוואָס לערנט דער רמב"ן דאָ אַז דער פסוק זאָגט אַ לאו אויף גיאות, ווען עס שטייט שוין אין פרשת עקב. נאָר דער פסוק אין פרשת עקב, "השמר לך פן תשכח את ה' אלקיך וגו' ורם לבבך ושכחת את ה' אלקיך", רעדט וועגן דעם אַז דער מענטש זאָל זיך נישט האַלטן גרויס ווען ער רעדט צום אויבערשטען, און ער זאָל פאַרשטיין אַז פון זיך אַליין האָט ער גאָהרנישט, נאָר אַלעס קומט פון דעם אויבערשטען. אָבער דאָ, אין פרשת שופטים, וואו די תורה וואָרנט דעם קעניג זיך נישט צו האַלטן גרויס קעגן אַנדערע מענטשן וואָס זענען קלענער פון איהם, איז דאָ אַ באַזונדערער לאו. דאָס איז שוין מער רבותא, זיך צו האַלטן קליין אויך לגבי אַנדערע מענטשן.

**אַלטע** לייט (די "זקני עם הארץ"). קומט אויס אַז אַלעם איז גליך ביי דעם אויבערשטען. "כי באפו משפיל גאים, וברצונו מגביה שפלים", ווייל מיט זיין צאָרן דערנידערט ער די וואָס האַלטן זיך גרויס, און מיט זיין ווילן טוט ער אויפהייבן די וואָס זענען נידעריג.

**דער** רמב"ן ז"ל פיהרט אויס: "לכן, השפל עצמך, וינשאך המקום", וועגן דעם זאָלסטו זיך אַראָפּלאָזן צו זיך האַלטן נידעריג, און דער אויבערשטער וועט דיך אויפהייבן, עכ"ל[ו].

**דער** "חזקוני" טייטשט דעם פסוק לבלתי רום לבבו מאחיו וגו', לויט ווי די חז"ל זאָגן (פסחים פז:) "הרבנות מקברת את בעליה", דאָס רבנות (שררה, הערשאַפט) איז גורם פאַר'ן מענטש ער זאָל ח"ו נישט האָבן אריכות ימים אויף דער וועלט. קומט אויס, אַז ווען אַ מענטש ווערט גרויס, נויטיגט ער זיך אין אַ ספּעציעלע ברכה אַז ער זאָל לעבן לאַנג.

**זאָגט** דער "חזקוני" ווייטער, אַז צוליב דעם טעם, רופט מען אויס ווען מ'קרוינט איינעם אַלס קעניג, "יחי המלך" - לעבן זאָל דער קעניג (זעה מלכים א, יד, און רד"ק, דאָרט), ווייל מ'בענטשט דעם קעניג וואָס איז זוכה צו ווערן גרויס, אַז ער זאָל זוכה זיין צו לאַנגע געזונטע יאָהרן[ז].

**לויט** דעם קען מען צולייגן, אַז אויב דער מענטש אנערקענט אַז די גאַנצע גרויסקייט איז נישט באמת זיינס, נאָר ער האָט עס באַקומען פון הימל[ח], ווערט ער געראַטעוועט פון דעם "קוצר ימים" פון איינעם וואָס האָט שררה.

**אַזוי** זאָגט די גמרא (סנהדרין צב.) רבי אלעזר האָט געזאָגט, "לעולם הוי קבל וקיים", דו זאָלסט שטענדיג זיין אַ "קבל", וועסטו עקזיסטירן און לעבן אויף דער וועלט. זאָגט רש"י: "הוי עניו ותחיה", דו זאָלסט זיך האַלטן קליין, וועסטו לעבן. "עשה עצמך אפל ושפל", דו זאָלסט זיך מאַכן "טונקל" און נידעריג. (דאָס הייסט, אויב דו וועסט אַנטלויפן פון כבוד, וועסטו זוכה זיין צו אריכות ימים).

**זאָגט** די גמרא ווייטער, רבי זירא האָט געזאָגט, מיר האָבן טאַקע אַזוי געלערנט, "בית אפל אין פותחין בו חלונות לראות נגעו", אַ טונקעלע הויז (אָדער שטוב) עפענט מען נישט דאָרטן די פענצטער צו זעהן דעם נגע.

---

**ו.** דער הייליגער אַפּטער רב, הרה"ק בעל "אוהב ישראל" זי"ע, האָט געזאָגט, אַז דער וואָס נעמט אָהן דעם אויבערשטען "כמות שהוא" - אַזוי ווי ער איז, נעמט דער אויבערשטער איהם אויך אָהן "כמות שהוא" - אַזוי ווי ער איז, אויף יעדן אופן... ווייל דער מענטש וואָס נעמט אויף זיך די אמונה פון דעם באַשעפער, און ער "קריגט" זיך נישט מיט'ן באַשעפער צו "וועלן פאַרשטיין" פאַרוואָס האָט ער געטוהן מיט איהם אַזוי און אַזוי, טוט דער אויבערשטער זיך נישט אומגיין שטרענג אויך מיט איהם, און ער קוקט נישט נאָך זיינע מעשים אַזוי ווייט, און ער איז משפיע אויף איהם אַ שפע פון ברכה און הצלחה, צו לאַנגע געזונטע יאָהרן.

**ז.** טייל זאָגן, אַז וועגן דעם פיהרט מען זיך צוצולייגן ווען מ'דערמאָנט דעם נאָמען פון אַ צדיק אָדער אַ גדול בתורה, דאָס וואָרט 'שליט"א' ("שיחיה לימים טובים ארוכים"), כדי עס זאָל איהם נישט שאַטן ח"ו צו זיין אריכות ימים, דאָס וואָס ער איז דערהויבן געוואָרן צו שררה.

**ח.** ענדליכער ווערטער, שרייבט דער ראָפּשיצער רב זי"ע, אין ספה"ק "זרע קודש" (ויצא, ד"ה "עוד יש לומר") וואָס ער האָט געהערט אין זיין יוגנט, אַז דער מענטש וואָס וויל ווערן אָפּגעהיטן פון צו געבן אַן עין הרע אויף אַ קינד, זאָל ער קוקן אַרויף צום הימל.

זאָגט דער ראָפּשיצער רב, "ולדעתי, אמר זאת איזה צדיק בחכמתו" - לויט מיין מיינונג, האָט אַ צדיק דאָס געזאָגט מיט זיין חכמה, ווייל אַן עין הרע שאַדט ח"ו ווען דער מענטש וואונדערט זיך אויף אַ געוויסע זאַך אַז עס איז שיין אָדער גרויס, צו עס האַנדלט זיך וועגן געלט, קינדער, אָדער שטאַרקייט. מיט'ן עצם זיך וואונדערן דערויף, טוט דער מענטש אויסרייסן די זאַך פון איר שורש - וואָס דאָס איז דער באַשעפער ברוך הוא. דער מענטש וואָס איז דבוק אינעם "שורש" (דעם באַשעפער), וואונדערט זיך נישט אויף קיין הצלחה אויף דער וועלט, ווייל עס איז נישט דאָ אַן אָרט צו זיך וואונדערן אויף דעם באַשעפער'ס גרויסקייט, ער איז דאָך אַ "כל יכול". מיט דעם וואָס מ'הייבט אויף די אויגן צום הימל, טוט מען באַהעפטן די זאַך צו זיין שורש, און דאַן קען איהם שוין נישט שאַטן ח"ו אַן עין הרע, ע"כ.

**דער** טעם דערפון איז, ווייל עס ווערט גע'פסק'נט להלכה אַז ווען עס איז דאָ אַ נגע צרעת ח"ו אין הויז, ווערט דאָס הויז נישט טמא ביז דער כהן וועט עס זעהן און ער וועט אויסרופן אַז עס איז טמא. ממילא, ווען דער כהן קומט זעהן אַ נגע און עס זענען נישט דאָ קיין פענצטערס אין הויז, און צוליב דעם איז פינצטער אין הויז, דאַרף דער בעל הבית נישט אַריינשטעלן פענצטער כדי לעכטיג צו מאַכן דאָס הויז אַז מ'זאָל קענען די נגע, נאָר דאָס הויז בלייבט טהור.

**דער** לימוד פון דעם איז, ווען דער מענטש מאַכט זיך "טונקל" דאָס הייסט, ער האַלט זיך קליין, איז ער זוכה צו אַלע גוטע השפעות, ער וועט האָבן אריכות ימים. קומט אויס, אַז די עצם "טונקלקייט" פון אַ זאַך (אַ מענטש, אָדער אַ הויז), ראַטעוועט איהם.

**פיהרט** אויס דער "חזקוני", אַז דאָס איז די כוונה פון פסוק, דער קעניג זאָל אַכטונג געבן "לבלתי רום לבבו מאחיו", זיך נישט גרויס צו האַלטן, נאָר ער זאָל זיך האַלטן קליין, און ממילא וועט ביי איהם נישט זיין שייך דער כלל פון "הרבנות מקברת את בעליה", און ער וועט זוכה זיין צו אריכות ימים: "למען יאריך ימים על ממלכתו הוא ובניו בקרב ישראל"[ט].

### ילך וישוב לביתו - נזהר זיין נישט צו דינען דעם אויבערשטן אויף יענעמ'ס חשבון

**ווייטער** אין דער סדרה לערנען מיר, אַז ביי אַ מלחמה, האָבן די "שוטרים" גערעדט צום פאָלק, און זיי געזאָגט: "מי האיש אשר בנה בית חדש ולא חנכו, ילך וישוב לביתו, פן ימות במלחמה ואיש אחר יחנכנו", אויב אַ מענטש האָט געבויט אַ נייע הויז און ער האָט עס נאָך נישט באַנייט, זאָל ער זיך אומקערן צו זיין הויז, ווייל טאָמער וועט ער שטאַרבן אין דער מלחמה און אַן אַנדערער מענטש וועט אַריינגיין וואוינען אין די הויז.

"ומי האיש אשר ארש אשה ולא לקחה, ילך וישוב לביתו, פן ימות במלחמה ואיש אחר יקחנה". און דער מענטש וואָס האָט געטוהן אַ שידוך מיט אַ פרוי און ער האָט נאָך נישט חתונה געהאַט מיט איר, זאָל ער זיך אומקערן אַהיים, ווייל אויב ער וועט שטאַרבן ח"ו אין דער מלחמה וועט אַ צווייטער מענטש חתונה האָבן מיט איר. זאָגט רש"י: "שאם לא ישמע לדברי הכהן, כדאי הוא שימות", ווייל אויב ער טוט ח"ו נישט פאָלגן די ווערטער פונעם כהן, איז ער ראוי צו שטאַרבן ח"ו.

**און** אזוי רופט מען אויס די זעלבע, אויב מ'האָט איינגעפלאַנצט אַ וויינגאָרטן און מ'האָט נישט אויסגעלייזט די פירות דערפון ("נטע רבעי" - פון פערטן יאָהר, זעה רש"י דאָרט) צו עסן עס אין ירושלים ("ולא חיללו"), זאָל מען זיך אומקערן אַהיים.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, פאַרוואָס שמועסט רש"י אויס די ווערטער (אַז אויב מ'פאָלגט נישט דעם כהן איז מען ראוי צו שטאַרבן ח"ו), נאָר ביי "ארש אשה ולא לקחה" - ווען מ'האָט גענומען אַ פרוי און נישט חתונה געהאַט מיט איר - און נישט ביי די אַנדערע זאַכן, אויב מ'קויפט אַ הויז און מ'האָט עס נישט באַנייט, אָדער מ'האָט איינגעפלאַנצט אַ וויינגאָרטן, און מ'האָט נישט אויסגעלייזט די פרוכט דערפון?

**ענטפערט** הרה"ק מסאַטמאַר זי"ע, אַז באמת איז דאָ אַן עצה אויך פאַר די מענטשן וואָס בויען אַ הויז אָדער פלאַנצן אַ וויינגאָרטן, אויב עס גליסט זיך

**ט.** די ספרים שרייבן אַ רמז אויפ'ן וואָרט "ענו" - אַז דאָס איז מרמז אַז דער מענטש וואָס האַלט זיך קליין, ווערט ער נישט געשעדיגט ח"ו נאָר ער לעבט לאַנגע יאָהרן, און אַן עין הרע געוועלטיגט נישט אויף איהם ח"ו. דער רמז איז, ענ"ו איז אותיות ע' נ' ו'. דער אות עי"ן איז מרמז אויפ'ן אויג ("עין"), ווייל דער וואָס האַלט זיך קליין, איז נישט שולט אויף איהם אַן "עין" הרע ח"ו (אַזוי שרייבט דער חיד"א ז"ל, אין "דבש לפי", מערכת ע', ענוה: "ענוה גימטריא עי"ן, ואחד יותר, כי הוא "עולה עלי עין"). נ' - איז מרמז אויף פיש, וואָס ווערן גערופן אויף אַראַמיש "נונין" ("נונין ורחשין"), און וועגן די פיש, זאָגן די חז"ל (ברכות כ.) אַז אויף פיש איז נישט דאָ די שליטה פון אַן עין הרע. און דער אות וי"ו איז מרמז אויף "ווי" העמודים, וואָס די חז"ל זאָגן (סנהדרין כא:) "ווי העמודים - מה עמודים לא נשתנו, אַף ווים לא נשתנו", פונקט ווי די עמודים זענען נישט פאַרענדערט געוואָרן, אַזוי אויך זענען די ווי"ם פון די עמודים נישט פאַרענדערט געוואָרן. דאָס איז אַ רמז, אַז דער וואָס האַלט זיך קליין, ווערט נישט "פאַרענדערט" ח"ו יונגערהייט, נאָר ער איז זוכה צו אריכות ימים ושנים.

זיי יאָ אַרויסצוגיין אין דער מלחמה. זיי קענען זיי איבערלאָזן אויף הפקר זייער הויז אָדער וויינגאָרטן, און דאַן אפילו אויב זיי ווילן זוכה זיין אומצוקומען אויף קידוש השם (ווי עס שטייט אין ספה"ק "מגיד מישרים" פון "בית יוסף" ז"ל, פ' מקץ, אַז דער "מגיד" דער מלאך האָט איהם געזאָגט, "אם תזכה, תמות על קידוש השם" - אויב דו וועסט זוכה זיין, וועסטו שטאַרבן אויף קידוש השם), איז נישט קיין שום פראבלעם, און אזוי מעגן זיי אַרויסגיין אין דער מלחמה.

מה שאין כן אַ מענטש וואָס האָט געטוהן אַ שידוך, איז כדי ער זאָל קענען גיין אין מלחמה, ווייל ער איז גרייט אומצוקומען אויף קידוש השם, דאַרף ער דאָך איר אָפּ'גט'ן כדי ער זאָל קענען ארויסגיין אין די מלחמה... נו, אַזאַ איינער איז באמת "כדאי הוא שימות", ווייל מ'טאָהר נישט האָבן מסירות נפש אויפ'ן חשבון פון אַ צווייטן... אויב ער גיט אַ גט פאַר זיין ווייב כדי ער זאָל קענען גיין אין מלחמה, איז ער נישט אין כלל פון די קדושה'.

**למלחמה על אויביכם - מלחמה האַלטן מיטן יצר הרע אָן קיין מורא**

אין דער היינטיגער סדרה (כ, ג-ה) ווערט באַשריבן דער אופן ווי אַזוי די אידן זענען אַרויסגעגאַנגען אין מלחמה, און וואָס דער "משוח מלחמה" האָט אויסגערופן: "ואמר אליהם, שמע ישראל, אתם קריבים היום למלחמה על אויביכם..." איר גייט היינט אַרויס אין אַ מלחמה קעגן אייערע פיינט. זאָגט רש"י, אין נאָמען פון די חז"ל (סוטה מב.) אַז דער "משוח מלחמה" האָט געזאָגט די ווערטער "שמע ישראל", כדי מרמז צו זיין, אַז "אפילו אין בכם זכות אלא קריאת שמע, כדאי אתם שיושיע

---

י. די וועלט זאָגט, אַז אין חודש אלול ציטערן אויך די פיש אין ים, פון אימת הדין אין ראש השנה. זאָגט אויף דעם דער מאָדזשיצער רבי זצ"ל, לויט ווי די גמרא זאָגט (ע"ז ד.) אַז "גדול בולע את הקטן", אַ גרויסער פיש, שלינגט איין אַ קלענערן פיש. ביי די פיש, איז דער "מאכל" פון די "גדולים", איינצושלינגען די קלענערע און שוואַכערע פיש... אָבער פונדעסטוועגן, כאָטש דאָס איז די "פרנסה" פון די פיש לויט'ן דרך הטבע וואָס דער אויבערשטער האָט אַריינגעגעבן אין זיי אַזאַ נאַטור, פונדעסטוועגן ציטערן זיי אויך, אין חודש אלול. דאַרפן מיר פון דעם זיך אַראָפּלערנען, אַז ווען עס דאַכט זיך אויס פאַר'ן מענטש אַז ער דאַרף - פאַר זיין "פרנסה" - "איינשלינגען" עמיצען וואָס איז אפשר "קלענער" פון איהם, דאַרף אויך אַזאַ איינער אויפציטערן אין חודש אלול!

אַמאָהל ווען דער סאַטמאַרער רבי זי"ע האָט זיך נישט גוט געשפּיהרט, האָט איהם דער דאָקטאָר אָהנגעזאָגט ערב שבת, אַז ער זאָל זיך צוריקהאַלטן פון פיהרן טיש פרייטאָג צו נאַכטס, צוליב זיין חולשה. אויך די רעביצין האָט אַזוי געהאַלטן, אַז דער רבי טאָהר יענעם שבת נישט פיהרן טיש פאַר'ן עולם. דער רבי האָט אָבער געזאָגט, אַז מיט'ן אויבערשטען'ס הילף, וועט ער יאָ פיהרן טיש, אַזוי ווי יעדע וואָך. האָט די רעביצין - ווויסנדיג אַז דער רבי איז זייער מקפיד צו מאַכן קידוש און עסן די סעודה דאָרט וואו עס געפינען זיך די שבת'דיגע לעכט (און צוליב די סיבה, פלעגט זי יעדן פרייטאָג צינדן די לעכט אין שוהל) - געצונדן די לעכט יענעם ערב שבת, אין שטוב, און נישט אין שוהל, כדי דער רבי זאָל דאַרפן מאַכן קידוש און עסן די סעודה אין הויז...

פרייטאָג צו נאַכטס, ווען די רבי זי"ע האָט זיך געגרייט צו גיין אין שוהל פיהרן טיש, האָט די רעביצין איהם געפרעגט, "וואו גייט דער רבי? די לעכט זענען דאָך דאָ אין הויז!...". האָט די רבי זיך אַוועקגעשטעלט אויף עטליכע מינוט, און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

- ברוך השם, איך האָב אויסגעפיהרט!...

אויף די פאַרוואונדערונג פון די רעביצין, וואָס ער האָט דאָ "אויסגעפיהרט", האָט דער רבי געענטפערט:

- יאָ, איך האָב אויסגעפיהרט, אַז איך בין ניצול געוואָרן נישט זיך צו בייזערן, און אַפילו נישט צו האָבן די מינדערסטע קפידא...

אַזוי האָט אויך געענטפערט דער אַלטער וויזשניצער רבי, הרה"ק בעל "אהבת ישראל" זי"ע, ווען מ'האָט איהם געפרעגט פאַרוואָס ער איז מקרב אַ געוויסן פאַרשוין, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי איינער פון די יעניגע וועגן וועלכע די חז"ל דרוקן זיך אויס אַז מ'מעג זיי פיינט האָבן... האָט דער "אהבת ישראל" געזאָגט:

- ריכטיג טאַקע, מ'מעג איהם פיינט האָבן, אָבער איך בין מקיים "קדש עצמך במותר לך"... - דו זאָלסט זיך הייליגן, אויך מיט די זאַכן וואָס דו מעגסט יאָ טוהן...

אתכם", אפילו אויב די אידן האָבן נישט אַן אַנדערן זכות, נאָר דעם זכות וואָס זיי לייענען קריאת שמע יעדן טאָג, זענען זיי שוין ראוי געהאָלפן צו ווערן.

**איז** שווער, באַלד דערנאָך זאָגט דער פסוק, אַז דער משוח מלחמה האָט אויסגערופן, אַז דער מענטש וואָס איז אַ "ירא ורך הלבב", ער האָט מורא, און האָט אַ ווייך האַרץ, זאָל נישט אַרויסגיין אין דער מלחמה. זאָגט אויף דעם די גמרא (סוטה מד.) "המתיירא מעבירות שבידו", "הירא" מיינט מען אויב ער האָט מורא, ווייל ער האָט געטוהן עבירות. זאָגט די גמרא, צום ביישפּיל, ער האָט אויסגערעדט צווישן "תפילין של יד" און "תפילין של ראש". קומט דאָך אויס אַז אַפילו פאַר אַזאַ "לייכטע" עבירה ווי אויסרעדן צווישן תפילין של יד און של ראש, גייט מען שוין נישט אַרויס אין דער מלחמה, און דאָ זאָגט רש"י, אַז דער זכות פון קריאת שמע איז גענוג צו באַשיצן די אידן אין דער מלחמה (וואָס פון דעם קומט אויס, אַז דער חטא פון אויסרעדן אינמיטן תפילין לייגן, וועט איהם נישט שאַטן, אויב ער לייענט קריאת שמע)?

**ענטפערט** דער קאָצקער רבי זי"ע ("שיח שרפי קודש", סוף פ' שופטים) אַז דער יסוד פון נצחון אין די מלחמה - צו באַזיגן דעם שונא - איז אויב מ'גייט מיט אַ שטאַרקייט, און מ'ווערט נישט אָפּגעשוואַכט אין האַרץ, ווייל מ'טאָהר נישט מורא האָבן. ווען דער מענטש גייט אין מלחמה מיט'ן וויסן און פאַרזיכערונג אַז ער וועט זיכער מצליח זיין אין דער מלחמה, וועט ער טאַקע מצליח זיין, אַפילו אויב ער פאַרלאָזט זיך נישט אויף עפּעס אַנדערש נאָר אויפ'ן זכות פון קריאת שמע אליין.

**דאָס** זעלבע איז ברוחניות. ווען דער מענטש גייט אַרויס אין אַ מלחמה קעגן זיין יצר הרע, אָבער ער האָט מורא און ציטערט פאַר איהם, איז זיכער אַז ער וועט חלילה דורכפאַלן אין זיין מלחמת היצר. אָבער אויב ער איז זיכער ביי זיך אַז ער האָט די כוחות צו באַזיגן דעם יצר הרע, וועט ער טאַקע געווינען די מלחמה.

**ער** שרייבט: "אם האיש חזק הוא ואמיץ לבב, שמשום זכות קריאת שמע בלבד שיש בידו, השם יתברך יציל אותו, וגדול בטחונו כל כך", אויב דער מענטש איז שטאַרק ביי זיך אַז בלויז צוליב דעם זכות פון קריאת שמע וועט ער באַזיגן דעם יצר הרע. "אז וודאי הוא כדאי להנצל" - איז ער אַוודאי ראוי געראַטעוועט צו ווערן פון דער נעץ פונעם יצר הרע. "כי באמת אין לו שום יראה" - ווייל ער האָט דאָך באמת נישט קיין מורא פאַר'ן יצר. "מפני חוזק בטחונו שבזכות קריאת שמע יציל אותו השם יתברך" - ווייל ער האָט בטחון מיט אַ שטאַרקייט, אַז אין זכות פון קריאת שמע וועט דער אויבערשטער איהם ראַטעווען. אָבער דער מענטש וואָס איז נישט גענוג שטאַרק ביי זיך צו גלייבן און האָבן בטחון אַז דער אויבערשטער וועט איהם ראַטעווען אין זכות פון קריאת שמע, און ער איז אַ "ירא ורך הלבב", מוז ער צוריקקומען פון די מלחמה, נאָר אויב ער איז ריין פון אַלע עבירות.[יא]

---

**יא.** הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א האָט געזאָגט אַ רמז פאַרוואָס די סטרא אחרא ווערט אָהנגערופן "כלבין דחציפין" - חוצפה'דיגע הינט - אונז צו לערנען ווי אַזוי מ'דאַרף מלחמה האַלטן מיט די סטרא אחרא. מיר דאַרפן זיך פיהרן מיט די כוחות הטומאה אַזוי ווי מ'פיהרט זיך מיט אַ הונט. עס איז דער שטייגער פון מענטשן, ווען מ'באַגעגנט אַ ווילדן צעבושעוועטן הונט, טאָהר מען נישט אַרויסווייזן מורא און פחד, ווייל אויב מ'הייבט אָהן אַנטלויפן פון איהם, ווערט דער הונט צעווילדעוועט און לויפט נאָך דעם מענטש... אָבער אויב ער שטייט אַנטקעגן איהם מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, און ווייזט נישט אַרויס פאַר דעם הונט קיין שום פחד, דערשרעקט זיך דער הונט און אַנטלויפט פון איהם. דאָס זעלבע איז מיט'ן יצר הרע און זיינע "חיילות" די סטרא אחרא. אויב דער מענטש גאַרטלט זיך אָהן מיט מוט און קוראַזש, און ווייזט איהם אַז ער האָט נישט מורא פון איהם, קען ער איהם באַזיגן און פאַריאָגן פון זיך.

דער באַקאַנטער ליובאַוויטשער חסיד און "משפיע", הגה"ח רבי מענדל פוטערפאַס זצ"ל, האָט דערציילט, אַז מ'האָט אַמאָהל געשיקט אַ גרופּע סאָלדאַטן פון דער רוסישער אַרמיי (אין דער צייט ווען דער "צאַר" האָט געהערשט אין רוסלאַנד) מלחמה צו האַלטן מיט'ן שונא פונעם צאַר. די סאָלדאַטן האָבן זיך געפיהרט, אַז בייטאָג האָבן זיי געהאַלטן מלחמה מיט'ן שונא, און ביינאַכט פלעגן זיי אַריינגיין אין אַ "שענק" צו טרינקען. זיי האָבן זיך דאָרט אָהנגע'שיכור'ט,

**אני לדודי ודודי לי - די נאָנטקייט די טעג צווישן אבינו שבשמים און אידישע קינדער**

**עס** שטייט אין תשובות מהרי"ל (תשובה לג) וועגן אַ מענטש וואָס וויל מוסיף זיין ערב ראש השנה "מחול על הקודש", צו נעמען אויף זיך די קדושה פונעם יום טוב מבעוד יום, שרייבט דער מהרי"ל, אַז מ'זאָל נישט מאַכן "קידוש" פאַר צאת הכוכבים, כדי מ'זאָל נישט זאָגן "מקדש ישראל ויום הזכרון", און אָהנהייבן דעם "יום הדין" פאַר דער צייט.

**מ'קען** צוגעבן א טעם צו די ווערטער פונעם מהרי"ל, ווייל מיר ווייסן דאָך אַז חודש אלול איז אַ חודש פון רחמים און סליחות. און וועגן דעם זאָל מען נישט קידוש מאַכן מבעוד יום ערב ראש השנה, כדי נישט אַוועקצונעמען פון די "ימי הרחמים והסליחות" פון חודש אלול...

**דער** בעל התניא זי"ע ("ליקוטי תורה", פ' ראה, ד"ה "אני לדודי") וואונדערט זיך, וויבאַלד אין די טעג פון חודש אלול ווערן אַנטפלעקט די י"ג מדות של רחמים, אַזוי ווי יעדן שבת און יום טוב, אויב אַזוי, פאַרוואָס פייערן מיר נישט גאַנץ חודש אלול אַלס אַ "יום טוב"?

**ענטפערט** דער בעל התניא, מיט אַ משל צו אַ גרויסן קעניג, וואָס האָט באַשטימט אַ צייט צו באַזוכן איינע פון די שטעט אין זיין מלוכה. עס איז איינגעפירט, אַז אַזוי לאַנג ווי דער קעניג געפינט זיך אויף זיין באַזוך אין שטאָט, קענען אַלע מענטשן פון שטאָט אַרויסגיין מקבל פנים זיין דעם קעניג, און ער נעמט אויף אַלעמען פריינטליך, און ווייזט אַרויס אַ פרייליך פנים פאַר אַלעמען. אָבער ווען ער פאָהרט צוריק אהיים אין דער הויפטשטאָט, און ער גייט אַריין אין זיין פאַלאַץ, ווערן פאַרשפאַרט אַלע טויערן, און נישט פאַר יעדן איז ערלויבט אַריינצוקומען אין קעניגליכן פאַלאַץ. נאָר די וויכטיגע מיניסטאָרן פון דער מלוכה, האָבן רשות אַריינצוקומען צום קעניג, און אפי' זיי קענען דאָס נישט טוהן ווען זיי ווילן, נאָר זיי דאַרפן באַקומען ערלויבעניש דערויף פון פריהער.

**דאָס** זעלבע איז מיט חודש אלול, ווי איידער עז זאל ווערן אנגערופען א יו"ט, ווערט עס אָהנגערופן

---

און אַזוי פלעגן זיי איינשלאָפן אין זייער שיכרות, און אינדערפרי, פלעגן זיי אויפשטיין און פאָרזעצן מיט די מלחמה ביז אין אָוונט. אַזוי גייט עס אָהן כסדר, ביז די מלחמה קומט צו אַ סוף.

איינמאָל זענען די סאָלדאַטן געווען אין אַ שענק און האָבן זיך דאָרט אָהנגעטרינקען, און זענען איינגעשלאָפן. איינער פון זיי, איז אָבער געווען גאָר "שיכור ווי לוט"... און אינדערפרי, ווען די אַנדערע סאָלדאַטן זענען אויפגעשטאַנען און פאָרגעזעצט אין וועג, האָבן זיי איבערגעלאָזט זייער קאָלעגע, דעם שיכור'ן סאָלדאַט, ליגן אין דער קרעטשמע, ווייל זיי האָבן איהם נישט געקענט אויפוועקן. אַזוי איז דער סאָלדאַט געשלאָפן ביז דעם קומענדיגן אָוונט. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין טיפן שלאָף, האָט ער געזעהן אַז ס'איז פינצטער אינדרויסן און ער זעהט נישט זיינע חברים די אַנדערע סאָלדאַטן.

דאָס איז געווען אין אַ פרייטאָג צו נאַכטס. איז דער סאָלדאַט אַריינגעגאַנגען אין אַ אידיש הויז, און איז אַריין אין קאך, אַראָפּגענומען דעם טאָפּ מיט טשאָלענט וואָס איז געווען פיין וואַרים, אָהנגעגרייט מבעוד יום. דער ריח פונעם טשאָלענט איז אַריין אין זיינע נאָזלעכער, און ער האָט פשוט אַריינגעגאָסן טשאָלענט אין זיינע כלים און זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין פערד... דער פערד, וואָס האָט זיך אָפּגעבריט פון דעם הייסן טאָפּ מיט טשאָלענט וואָס דער שיכור'ער סאָלדאַט האָט אַרויפגעלייגט אויף זיין פלייצע, האָט זיך גענומען לויפן וואו דער ווינט האָט איהם געטראָגן... ער איז געלאפן אזוי שנעל אַז ער האָט דערגרייכט זיינע חברים, די סאָלדאַטן, וועלכע זענען שוין געווען אַ גאַנצע טאָג פאָראויס פון איהם. לויפענדיג אַזוי שנעל איז ער פאַרביי געלאָפן די גרופּע מיט סאָלדאַטן, און האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, ווייל עס איז דאָך איהם געווען הייס צוליב דעם טאָפּ מיט טשאָלענט... אַזוי איז דער פערד געלאָפן מיט'ן שיכור'ן סאָלדאַט, ביז זיי זענען אָהנגעקומען אין האַרץ פון די שונא'ס מחנה אריין...

ווען די סאָלדאַטן פון דער פיינטליכער אַרמיי האָבן באַמערקט ווי אַ רייטער קומט צו לויפן מיט אַ פערד אויף אַ ווילדן צעבושעוועטן אופן, האָבן זיי זיך דערשראָקן, טראַכטנדיג אַז אויב יענער סאָלדאַט האָט נישט מורא אַריינצופליען אין זיי אריין, האָט ער אַוודאי מיט זיך אויפרייס מאַטעריאַל און מינעס... זענען זיי זיך אלע צולאָפן, און אַזוי האָט די מלחמה זיך געענדיגט אָהן גע'הרג'עטע פון ביידע זייטן...

אין דער בחינה פון "מלך בשדה", ווייל דאַן געפינט זיך דער קעניג - מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא - אויפ'ן "פעלד", יעדער קען צוקומען צו איהם, ווייל ער האָט זיך נאָך נישט אַוועקגעזעצט אויפ'ן שטוהל פון דין, און ממילא, קען יעדער איינער דעמאָלטס אויס'פועל'ן ביים קעניג, אַלעס וואָס ער וויל, עכ"ד[יב].

**אין** חודש אלול, ווערן אידישע קינדער דערנענטערט צום באַשעפער, ווי די קדמונים זאָגן (געברענגט אין "אבודרהם", תפלת ר"ה, און אַזוי שרייבט אויך דער מהר"ח אור זרוע, סי' לב) אַז אלו"ל איז ראשי תיבות א'ני ל'דודי ו'דודי ל'י, ווייל אין דעם חודש ווערט אַנטפּלעקט דעם אויבערשטען'ס שטאַרקע ליבשאַפט פאַר אונז. ער איז פאַר אונז כביכול ווי אַ "פעטער"[יג].

**דער** "שער המלך" ברענגט (שער א, פ"ב) אַז חודש אלול איז על דרך ווי עס ווערט גע'פסק'ענט אין הלכה (ב"מ קיח. שו"ע חו"מ סי' כד) "זמן בית דין שלשים יום".

---

**יב.** הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט געזאָגט ("אמרי פינחס" החדש, אלול, אות תכ"ז) אַז כאָטש דער אריז"ל שרייבט ("שער המצוות, פ' ואתחנן) אַז מ'זאָל נישט זאָגן "מקרא" ביינאַכט (אויך נישט ספר תהלים), אָבער אין חודש אלול מעג מען יאָ זאָגן תהלים ביינאַכט. קען מען זאָגן, ווייל דער טעם פאַרוואָס מ'זאָגט נישט תהלים ביינאַכט, איז דערפאַר ווייל ביינאַכט זענען שורה דינים רח"ל, אָבער חודש אלול איז בלויז "ימי רחמים ורצון", און צוליב דעם, קען מען זאָגן תהלים ביינאַכט אין חודש אלול.

**יג.** מיר האָבן שוין מערערע מאָהל געזאָגט, אַ "פעטער" געבט נאָר מתנות, ער שלאָגט נישט... אַנדערש ווי אַ טאַטע, וואָס קויפט אַמאָהל אַ מתנה, אָבער ער געבט אַמאָהל אויך אַ "פּעטשל"...

דער "חפץ חיים" זי"ע האָט געזאָגט אַ משל, אַן אָרימאַן איז געגאַנגען אויפ'ן וועג און זיך געשלעפּט מיט זיין זעקל אויף די פּלייצע. איז פאַרביי געפאָהרן אַן עושר מיט זיין הערליכן "קאַרעטע", און רחמנות געהאַט אויף דעם אָרימאַן וואָס גייט צופוס, און האָט איהם איינגעלאַדנט אַרויפצוקומען אויפ'ן וואָגן. דער אָרימאַן איז אַרויפגעקומען אויפ'ן וואָגן, און ער האָט זיך געזעצט אין אַ ווינקל, נישט אויסרעדנדיג מיט'ן גביר אַפילו אַ וואָרט.

ווען דער אָרימאַן איז אָהנגעקומען צו זיין הויז, און איז אַראָפּ פון וואָגן, האָבן זיינע באַקאַנטע איהם געפרעגט אויב ער האָט עפּעס גערעדט מיט'ן עושר, האָט דער אָרימאַן געענטפערט אַז ניין. האָבן זיי איהם געזאָגט:

- דאָס איז דאָך געווען דער קייסער אַליין! אויב דו וואָלסט אויסגעטוישט מיט איהם אַפילו איין וואָרט, וואָלט עס געקענט זיין פאַר דיר אַ טובה אויפ'ן גאַנצן לעבן!...

און דער "חפץ חיים" האָט אויסגעפיהרט דעם משל, דער נעבעכדיגער אָרימאַן האָט נישט פאַרשטאַנען אַז דער מענטש וואָס זיצט לעבן איהם, איז דער קייסער אַליין, וועלכער איז איהם מקרב מיט אַזאַ אויסערגעוועהנליכע קירבה און נעמט איהם אַרויף אויף זיין קעניגליכע קאַרעטע... מיר ווייסן דאָך אָבער יאָ דעם "סוד", אַז אלו"ל איז ראשי תיבות א'ני ל'דודי ו'דודי ל'י, דער אויבערשטער געפינט זיך יעצט נאָנט צו אונז, און ממילא, דאַרפן מיר זיך פאַרבונדן מיט איהם מיט אַ גרויסן קשר, וואָס וועט אונז צונוץ קומען אין לויף פון קומענדיגן יאָר הבא עלינו לטובה, אמן.

נאָך אַ משל (ענדליך צום פריהערדיגן) זאָגט דער "חפץ חיים" זי"ע ("משלי החפץ חיים", אות נא, ע' 120), איינער איז געוואָרן מחויב מיתה ווייל ער האָט זיך פאַרזינדיגט קעגן די מלוכה. דער קעניג האָט זיך געפיהרט, איין טאָג אין יאָהר זיך אָהנצוטוהן פשוט'ע קליידער, און אַרומפאָהרן איבער'ן לאַנד. יענעם יאָהר, ווען דער קעניג האָט זיך פאַרשטעלט אַלס פשוט'ער מענטש און איז אַרומגעפאָהרן איבער'ן לאַנד, איז אים אויסגעקומען איינצושטיין אין הויז פון דעם פאַרשוין וואָס האָט זיך פאַרזינדיגט קעגן דעם קעניג, אָבער בשעת מעשה, האָט ער נישט געוואוסט אַז דאָס איז דער קעניג... שפּעטער ווען דער קעניג איז אַוועקגעפאָהרן פון דאָרט און ער האָט אויסגעפונען אַז יענער "פשוט'ער מאַן" איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי דער קעניג אַליין, האָט ער זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, פאַרוואָס ער האָט פאַרפאַסט אַזאַ גאָלדענע געלעגנהייט, צו בעהטן מחילה ביים קעניג ווען ער שטייט איין ביי איהם אין הויז...

נאָך אַ משל ווערט געברענגט, אַ קאָנטראַקטאָר ("קבלן") וואָס בויט אַ סאַך בנינים, איז געווען פון יענע מענטשן וואָס רעדן זיך איין אַז "זיי" ברענגען די פרנסה, און עס איז נישט דווקא וואָס עס איז פאַרשריבן געוואָרן פאַר זיי אין הימל ראש השנה. דעריבער, יעדעס מאָהל ווען ער האָט געשיקט זיין זוהן איינקויפן זאַכן פאַר אַ בנין, ווי ציגל, ליים, און דאָס גלייכן, פלעגט ער איהם הייסן קויפן פון די שוואַכסטע סחורה אויפ'ן מאַרק, וואָס קאָסט די

בית דין געבט פאַר די בעלי דינים, דרייסיג טעג צייט צו ברענגען ראיות אויף זייערע טענות, אָבער שפּעטער קענען זיי שוין נישט ברענגען ראיות צו זייערע טענות. דאָס איז דער ענין פון חודש אלול: עס איז דער "זמן בית דין שלשים יום", מ'האָט דרייסיג טעג צייט, צו טוהן תשובה.

**דער** "פנים יפות" (פ' אחרי, ד"ה "ביד איש עתי") זאָגט, די חז"ל זאָגן (ר"ה יח.) אויפ'ן פסוק (ישעיה נה, ו) "דרשו ה' בהמצאו", אַז דאָס גייט אַרויף אויף די צעהן טעג צווישן ראש השנה און יום כיפור. עס איז אָבער דאָ נאָך אַ העכערער זמן, דאָס זענען די טעג פון חודש אלול, וואָס אויף דעם זאָגט דאָרט דער פּסוק אין די "סיפא": "קראוהו בהיותו קרוב", וואָס "קירבה" איז גרעסער ווי "בהמצאו", ע"כ.

### ימי הרחמים - נישט מסיח דעת זיין פון די גרויסקייט פונעם זמן

**אין** די טעג פון חודש אלול, דאַרף מען געדענקען ווי געהויבן די צייט איז, ווי דער הגהות אשרי (בבא מציעא, פ"ב, סי' ט') ברענגט אַ מעשה, אַ איד האָט געקויפט בליי ביי אַ גוי'שן סוחר. ער האָט עס געקויפט אַלס בליי, צו פאַרדעקן זיין דאַך דערמיט. נאָכ'ן קויפן דעם בליי צו פאַרדעקן דערמיט דעם דאַך, האָט ער זיך באַרעכנט אַז ער דאַרף עס נישט, און האָט מחליט געווען עס צו פאַרקויפן פאַר אַ צווייטן איד, - אויף די חזקה אַז עס איז בליי.

**ווען** דער צווייטער איד האָט עס באַקומען, האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז אונטער דעם בליי, איז באַהאַלטן זילבער, עס איז נאָר געווען צוגעדעקט מיט בליי פון אויבן. ווען דער פאַרקויפער האָט געהערט דערפון, האָט ער גערופן דעם קונה אין בית דין, מיט דער טענה, אַז ער האָט נישט געוואוסט אַז ס'איז נישט בליי, נאָר זילבער (וואָס איז ווערד א סאך מער), און דערפאַר האָט ער געוואָלט צוריקבאַקומען די גאַנצע פּושקע, אָדער ער זאָל איהם באַצאָהלן דעם פּרייז פון זילבער.

**ברענגט** דער הגהות אשרי, אַז רבינו אליעזר ממיץ האָט גע'פּסק'ענט, אַז דער קונה דאַרף נישט באַצאָהלן פאַר דעם טעות וואָס דער מוכר האָט געמאַכט. דער ר"א ממיץ האָט געזאָגט, אַז דער ערשטער איד וואָס האָט געקויפט פון דעם גוי, האָט נישט זוכה געווען אין זילבער, נאָר אין בליי, ווייל ער האָט נישט געוואוסט און האָט בכלל נישט אין זינען געהאַט צו קויפן זילבער, דערפאַר בלייבט עס ביי דעם צווייטן איד. דאָס איז אויך די שיטה פון רבינו תם.

---

ביליגסטע. ער פלעגט זאָגן, וואָס אינטערעסירט עס מיך, די אַלע לעכער און שפּאַלטן וואָס קענען זיך מאַכן אין די ווענט פון הויז, און אויך די וואַסער-רערן וואָס וועלן מיט די צייט פּלאַצן, וועט דאַך דאָס ערשט פּאַסירן אין צוויי יאָהר פון יעצט, ווען איך וועל שוין האָבן אין טאַש דאָס גאַנצע געלט פאַר די בוי-אַרבעט...

אין אַ געוויסן טאָג, איז זיין זוהן אַ חתן געוואָרן בשעה טובה ומוצלחת, און זיין פאָטער האָט זיך געגרייט אויפצובויען פאַר איהם אַ שיינעם "פּאַלאַץ", ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ גביר'יש קינד ווי ער... ווען ער האָט געשיקט זיין זוהן איינקויפן די ציגל און ליים פאַר דעם בנין וואָס ער וויל אויפבויען פאַר איהם, האָט דער נאַרישער זוהן געברענגט - אַזוי ווי יעדעס מאָהל ווען זיין פאָטער שיקט איהם - פון די שוואַכסטע סחורה... האָט זיין טאַטע, דער בוי-מייסטער, איהם אָנגעשריגן:

- נאַר איינער! די אַלע בנינים וואָס איך בוי פאַר אַנדערע, טוה איך דאָך דאָס פאַר געלט, און אויב איך קען פאַרדינען דעם זעלבן סכום געלט דורך שוואַכערע ציגל אָדער ליים, א.ד.ג., איז "הכל ריווח" פאַר מיר צו קויפן די ביליגערע סחורה, אָבער דאָ, אין דעם פאַל, גיי איך דאָך בויען פאַר דיר אַ פּאַלאַץ וואו דו וועסט, האָפענטליך, אויסלעבן אַלע דיינע יאָהרן לאורך ימים, צו דען ווילסטו אַז אין צוויי יאָהר אַרום, זאָלן די וואַסער-רערן פּלאַצן, און די ווענט זאָלן באַקומען שפּאַלטן!...

דער נמשל איז, אויב מיר האָבן אין לויף פונעם יאָהר, געלערנט "כמצוות אנשים מלומדה", אָדער געדאַווענט נישט ווי געהעריג, איז איין זאַך. אָבער אין חודש אלול, דאַרפן מיר געדענקען אַז דער גאַנצער מצב פון מענטש איז אָנגעהאַנגען אין זיין עבודה אין חודש אלול, און ווי ווייט ער דאַרף זיין געוואָרנט אַז זיין עבודה זאָל זיין אין דער בחינה פון "עידית שבעידית", כדי אַז אויך אין קומענדיגן יאָהר הבא עלינו לטובה, זאָל עס זיין "עידית שבעידית".

לויט דעם, זאָגט דער איזשביצער זי"ע (מובא בקובץ "תלפיות" א (ב) עמוד 430), אַז פון דעם זעהט מען אַז אַלעס ווענדט זיך אין די כוונה פון מענטש. ווי אַזוי דער מענטש "פאַרשטייט" די גרויסקייט פון די טעג אין חודש אלול, און אַז עס איז אַ "מתנה טובה לבני ישראל", און אַז מ'קען דעמאָלטס אויס'פועל'ן פאַר זיך און די משפחה, און פאַר אַלע אידן, אַזוי פיהל גוטע השפעות פאַר אַ זיס לעכטיג יאָהר, ווערט מען פאַררעכענט ווי דער בעל הבית פון דעם "זילבער" וואָס איז געווען באַהאַלטן אונטער דעם בליי. אָבער אויב מ'אנערקענט נישט די געהויבנקייט פון די טעג, בלייבט מען ווי יענער מוכר וואָס איז געבליבן בלויז מיט "בליי", און נישט מיט'ן "זילבער"[יד].

**צדיקים** האָבן געזאָגט (עי' ספר "משמיע שלום", להרה"ק רבי שמעון שלום מאמשינוב זי"ע, חודש אלול, ועוד) אַ רמז אין די ווערטער פון די חז"ל (ע"ז ג.) "מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת". חודש אלול איז מרמז אויף "ערב שבת", ווייל עס איז דער זעקסטער חודש צווישן די חדשים (וואָס פאַנגען זיך אָהן אין חודש ניסן). האָבן די חז"ל אונז געוואָלט מרמז זיין, אַז דער מענטש וואָס האָט זיך צוגעגרייט און זיך באַמיהט "ערב שבת" - אין חודש אלול, "הוא יאכל בשבת", וועט ער צום סוף עסן די פירות פון זיין טירחא אין זיבעטן חודש, תשרי (וואָס איז אַנטקעגן שבת, וואָס איז דער זיבעטער טאָג פון דער וואָך), און ער וועט זוכה זיין פאַרשריבן צו ווערן פאַר אַ שנת גאולה וישועה.

**ענדליך** זאָגט הרה"ק בעל "בית אברהם" זי"ע פון סלאָנים ("בית אברהם", פ' נצבים, ד"ה "הכל") "הכל הולך אחר החתום" (ברכות יב.), אַלעס גייט לויט'ן זמן פון די חתימה. זאָגט דער "בית אברהם", חודש אלול איז אַ בחינה פון "ערב שבת", און תשרי איז אַ בחינה פון "שבת", און צדיקים האָבן געזאָגט, אַז די גאַנצע השפעה וואָס קומט אַראָפּ פון שבת אויף די זעקס טעג פון דער וואָך, קומט פון די "תוספת שבת", וואָס דער מענטש איז מוסיף מחול על הקודש, ווייל די קדושה פון שבת אַליין איז זייער הויך.

**זאָגט** דער "בית אברהם", אַז דאָס זעלבע איז לגבי די השפעה וואס קומט אַראפּ אויפן מענטש אַ גאַנץ יאָר, דאָס ווענדט זיך אויב מען איז "מוסיף מחול על הקודש" - מען איז מוסיף מיט תשובה ומעשים טובים אין חודש אלול ביפאָר עס קומט צוגיין חודש תשרי. און פאַרשטייט זיך, אויב מ'האָט ח"ו נישט אויסגענוצט דעם חודש אלול ווי עס דאַרף צו זיין, זאָל מען זיך כאָטש משתדל זיין אַז די לעצטע טעג פון יאָהר זאָלן נישט אַדורכגיין ליידיג[טו].

**די** ספרים זאָגן אויף דעם מאמר פון דער גמרא (שבת נג.) "חמרא בתקופת תמוז קרירא ליה" - פאַר אַן אייזל, איז אפילו אין תקופת תמוז קאַלט פאַר איהם. איז שווער, די גמרא זאָגט (יומא כט.) "שילהי דקייטא קשה מדקייטא" - סוף זומער איז דער וועטער הייסער ווי אין מיטן זומער. אויב אַזוי, האָט די גמרא לכאורה געדאַרפט זאָגן אַ גרעסערע רבותא, אַז פארן אייזל, איז אפי' אין חודש אלול קאלט פאר איהם? נאָר וואָס דען, ווייזט אויס אַז חודש אלול איז אַפילו פאַר'ן אייזעל אויך הייס... אַפילו אַ מענטש וואָס איז ליידער ווי אַ "חמור" ח"ו, פירט זיך אַנדערש אין חודש אלול[טז].

---

**יד.** מיר האָבן שוין דערציילט, אַז אין דער צייט ווען מיר האָבן געלערנט אין דער פאָניעוועזשער ישיבה, איז הגה"צ רבי חיים פרידלענדער זצ"ל אַמאָהל געגאַנגען צו דעם ציין דאָקטאָר דר. באַרנעס, אויף אַן אונטערזוכונג צוליב ציין ווייטאָג. ביים אונטערזוכן האָט דער דאָקטאָר ליידער געזעהן אַז ער ליידט פון די ביטערע מחלה רח"ל. האָט רבי חיים געזאָגט:

- אויב איך וואָלט פאַראַיאָר חודש אלול געוואוסט וועגן דעם, וואָלט איך דאָך איינגעריסן די הימלען מיט תפילות ותחנונים, און איך וואָלט אויסגע'פועל'ט אַ ישועה.

הרה"ק מסאַטמאר זי"ע האָט אַמאָהל באַמערקט ווי דער עולם יאָגט זיך אַרויס פון בית המדרש נאָכ'ן דאַווענען אין חודש אלול, האָט ער געזאגט:

- פאַר אַ יאָהר זענען דאָ געווען נאָך אידן, וואָס אויב זיי וואָלטן געוואוסט וואָס מען שרייבט דאָרט אָפּ, וואָלטן זיי זיך נישט אַזוי געיאָגט!

**טו.** די אמשינוב'ער צדיקים פלעגן ווינטשן, א גוטן "אחרית שנה", אַז אויך דער "אחרית שנה" זאָל זיין גוט...

**טז.** דער זמיגראַדער רבי זצ"ל ברענגט (אין די הקדמה צו זיין ספר "אריה שאג"), אַז ביים סוף פון דער צווייטער וועלט מלחמה, ווען ער איז אַנטלאָפן מיט אַנדערע אידן, זענען זיי אַריבערגעלאָפן אַ וואַלד, און זיי האָבן געהערט

**דער** "שפת אמת" שרייבט אין אַ בריוו ("שפת אמת" ליקוטים, שנת תרכ"ה) צו אַ איד: "אהובי ידיד נפשי, ראש חודש אלול, אין מן היושר לישן בשינת ותרדימות העולם הזה", מיין באַליבטער פריינט, אין ראש חודש אלול (און אַזוי אין גאַנצן חודש) איז נישט אויסגעהאַלטן צו שלאָפן מיט'ן טיפן שלאָף פון דער וועלט. און עס איז "בלי ספק", אַז אין אַזעלכע זמנים איז דאָ אַ התעוררות פון הימל צום מענטש, נאָר מ'דאַרף עפענען אַ טירל"ז.

שרייען די טעג אַליין ווי אַ לייב אַז דער מענטש זאָל טוהן תשובה ווי געהעריג, און אויף דעם זאָגט דער פסוק (עמוס ג, ח) "אריה שאג מי לא יירא"... ווען דעם דאַרף מען זיך שטאַרקן אין דעם חודש, ווייל אויף דעם וואָס דער מענטש טוט נישט תשובה, באַקומט ער אַ גרעסערע שטראָף ווי פאַר די עבירות אַליין. און ער פיהרט אויס: דער עיקר איז, אַז דער מענטש זאָל נישט טראַכטן, איך האָב נאָך צייט תשובה צו טוהן יח...

**הרה"ק** בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע שרייבט ("ליקוטי הרי"ם", ע' תטו) "אחינו בני ישראל, היזהרו בתשובה באלו הימים המסוגלים לתשובה", מיינע טייערע ברידער, איר זאָלט זיין געוואָרענט תשובה צו טוהן אין די טעג וואָס זענען מסוגל צו תשובה. כאָטש יעדן טאָג גייט אַרויס אַ "בת קול" פון הימל וואָס רופט אויס "שובו בנים שובבים", אָבער אין די טעג פון חודש אלול,

**דער** "שבט מוסר" זאָגט (פרק כז) אַ משל, די וועלט איז גליך צו אַ טיפן גרוב, וואו עס געפינען זיך אַ סאַך הונגעריגע לייבן און אַנדערע חיות. האָט אַ מענטש זיך אַוועקגעשטעלט ביי די עפענונג פונעם גרוב, און זיך געדרייצט מיט'ן לייב, ביז ער איז אַריינגעפאַלן אין גרוב... אויפ'ן וועג פאַלנדיג, האָט דער אויבערשטער איהם אונטערגעשיקט אַ קליינעם גראָז וואָס איז געוואַקסן

אַ קול פון אַ לייב. פאַרשטייט זיך אַז עס האָט זיי אַרומגעכאַפּט אַ פחד, צו הערן אַ קול פון אַ לייב! לויפנדיג אַזוי, האָבן זיי געזעהן אַ מענטש ווי ער זיצט און עסט א סעודה. זיי האָבן זיך זייער געוואונדערט דערויף, מ'הערט דאָ אַ קול פון אַ לייב, און דאָ זיצט אַ מענטשן און עסט אַזוי רואיג? שפּעטער, ווען זיי האָבן פּראָבירט כאַפּן א שמועס מיט יענעם מענטש, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז געווען טויב!

שרייבט דער זמיגראַדער רבי, אַז דעמאָלטס האָט ער פאַרשטאַנען די כוונה פון פסוק (עמוס ג, ח) "אריה שאג מי לא יירא", נאָר אַ מענטש וואָס איז טויב ל"ע הערט נישט ווי דער לייב ברומט און שרייט.

**יז.** דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "נתיבות שלום" זצ"ל, האָט דערציילט, אַז איין יאָר ראש חודש אלול, האָט ער געזעהן אין חלום, ווי עס זענען פאַרביי געגאַנגען די טעג פון חודש אלול, און ער איז פאַרבליבן ווי אַ טרוקענער בוים, אָהן שום התעוררות און התלהבות. אַזוי זענען אַדורכגעגאַנגען אויך די טעג פון ראש השנה און די עשרת ימי תשובה, יום כיפור, און הושענא רבה, מיט אַ גרויסע "קאַלטקייט", אַז ער האָט ממש נישט געשפּיהרט קיין שום התעוררות. האָט ער זיך גענומען שרייען אין חלום, אויף די גרויסע פינצטערניש וואָס האָט איהם אַרומגענומען. אַזוי האָט ער זיך אויפגעוועקט פון שלאָף, און געזעהן אַז עס איז ראש חודש אלול... ער האָט נאָך נישט פאַרשפּעטיגט די צייט...

מיר האָבן שוין דערציילט, איינער פון די בעל בית'ישע חסידים פון הרה"ק בעל "שפת אמת" זי"ע, וועלכער פלעגט זיך דורכרעדן דורכ'ן יאָהר מיט'ן "שפת אמת" וועגן מסחר, איז אַריינגעגאַנגען צום "שפת אמת" אין חודש אלול, פרעגן צו ער זאָל אָהנעמען אַ פאָרשלאַג וואָס מ'האָט איהם אָהנגעבאָטן אין מסחר, צו פאַרדינען געלט. האָט דער "שפת אמת" איהם געענטפערט:

- אַ גאַנץ יאָהר, רעד איך מיט דיר וועגן דיינע געשעפטן, אָבער אין חודש אלול, איז די בעסטע 'השקעה' ('אינוועסטירונג') תשובה צו טוהן, ווייל דער וואָס לייגט אַריין כוחות אין דעם חודש תשובה צו טוהן צום אויבערשטען, פאַרדינט גרויסע פאַרדינסטן, סיי ברוחניות, סיי בגשמיות, אויפ'ן גאַנצן קומענדיגן יאָהר הבעל"ט, און וואויל איז פאַר דעם מענטש וואָס האָט די אויגן אין קאָפּ, צו זעהן די גרויסקייט פון די איצטיגע טעג.

**יח.** דער טאָהשער רבי זי"ע פלעגט זאָגן אויפ'ן פסוק (משלי טו, כג) "דבר בעתו מה טוב", אַז יעדע זאַך וואָס איז אין "זיין צייט" ("בעתו"), אפילו אויב עס איז אַ קלייניגקייט ("מה") איז עס אויך "טוב". ממילא, איז אין חודש אלול, דער זמן פון תשובה, איז אַ "קליינע תשובה" אויך אַ "תשובה"... (פאַרשטייט זיך אַז מען זאָל נישט זיין צופריעדן מיט אַ קליינע תשובה... נאָר אדרבה, מרבה זיין מיט אַסאַך קלייניגקייטן ביז עס וועט ווערן גרויס)

דאָרט, און ער האָט זיך אָהנגעכאַפּט דערין, און אַזוי איז ער געראַטעוועט געוואָרן. ער איז אָבער געבליבן הענגען צווישן די לייבן... אַזוי הענגענדיג אויפ'ן גראָזל, האָט ער באַמערקט אַ לאָך מיט האָניג, און האָט אָהנגעהויבן אַרויסנעמען האָניג מיט איין האַנט. אינצווישן איז אָהנגעקומען אַ קאַץ, און האָט זיך גענומען בייסן דעם וואָרצל פונעם גראָז, און וויבאַלד ער איז געווען פאַרנומען מיט'ן האָניג, האָט ער נישט אין אַכט גענומען וואָס דאָ קומט פאָר, ביז דער וואָרצל פונעם גראָז איז אַראָפּגעפאַלן און דער מענטש איז אַריינגעפאַלן אין גרוב צו די לייבן רח"ל...

מ'קען צושטעלן דעם משל צו חודש אלול. דער "לייב" איז מרמז אויפ'ן יום הדין, ווען אויך די מלאכים און שרפים ציטערן פון אימת הדין, "וחיל ורעדה יאחזון", אָבער מיט זיין גרויס רחמנות, האָט דער אויבערשטער אונז געשאָנקען חודש אלול, אַז מיר זאָלן זיך "אָהנכאַפּן" אינעם "גראָזל" און אַזוי וועלן מיר זיך קענען ראַטעווען פון די שאַרפע ציין פונעם לייב. די "קאַץ" איז מרמז אויף די טעג פון חודש אלול, וואָס דרייען זיך איין טאָג נאָכ'ן אַנדערן טאָג, און דער זייגער שטעלט זיך נישט אָפּ... אָט-אָט קומט מען שוין אַריין אין יום הדין. איז די איינציגע עצה פאַר'ן מענטש, ער זאָל זיך "אָהנכאַפּן" גוט אינעם וואָרצל פונעם "גראָז", וואָס דאָס איז תשובה, תפילה און צדקה, וואָס מאַכן בטל די גזירה, און וואויל איז פאַר דעם מענטש וואָס נוצט אויס די טעג ווי עס דאַרף צו זיין.

דער אויבערשטער זאָל זיך דערבאַרימען אויף פליטת עמו ישראל, און מיר זאָלן זוכה זיין צו תשובה שלימה אין דעם חודש, און מיר זאָלן אַלע געבענטשט ווערן פון באַשעפער מיט אַ כתיבה וחתימה טובה בספרן של צדיקים גמורים, און מיר זאָלן אַלע צוזאַמען זוכה זיין צו אַ זיס לעבטיג יאָהר, אמן.